אין אנ׳אנדער שטאט, מיט א גרויסער אידישער באפעלקערונג, בן ירבה, מיט גרויסע, אפילו ליידיקע, אבער שעהן פארפוצטע שילן האט מען אנגעפירט מען זאל נישט לאזן זאגן קיין אידישע דרשה, קיין אידישע רעדע, קיין איינציגן אידישן פארטראג. עס איז ערלויבט צו מאכן א באל, א באנקעט וכדומה, נאר קיין אידיש ווארט איז נישט ערלויבט צו זאגן נישט שבת נישט זונטאג אפילו נישט אין מיט׳ן דער וואך, זאל אפילו קומען דער גרעסטער רב, דער גרעסטער דרשן, מגיד רעדנער. אפילו הערן און נישט פאלגן וויל מען שוין אויך נישט. דאס הערען אליין א דבר תורה איז [illegible] עס קאן בא איינעם חלילה פארבלייבן א ווארט. דאס אידישע אויער איז שוין היינט געוואוינט צו הערן א לצנות׳ל פון „טוביה דער מילכיגער“, עפעס א לידעל א דעקלאמאציע פון דער „נייער ליטעראטור“, און מען מוז די דאזיגע תקנה איינפירן אין אלע אידישע שטעט אויב מען וויל באמת מאדערניזירן דעם דור . . .

אזוי שטארבן אפ אלע אידישע גוטע מדות און דער יונגער דור גיט [illegible] קיין וויכטיגס. פוסטע, ליידיגע, נארישע זאכן אט א דאס ווערט איינגעפירט בא אידן, אנשטאט דאס אמת׳ע אלטע אידישקייט.

און די אידישע מענשן כביכול שטעהן פון וויטן און מוזן גאר־נים — נישט עס וועט זיין, נאר עס איז שוין צו שפעט . . .

---

יעקב רבינזון.

# אידישע בילדונגס אנשטאלטען.

## I.

### א גענצליך אידישע ערציהונג.

נישט נאר אין מערב, נאר אויך אין מזרח איז איינגעבראכן געווארן די מויער פון דער געטא, די דערנעהרונג, פון אונזער פאלק צו די אומות העולם ווערט וואס אמאל גרעסער, און א סך אידן שיקן זייערע זין און טעכטער אין די אלגעמיינע שולן, טראץ די אלע באגריינעצונגס געזעצען וועלכע לאזט נישט אריין קיין אידן אין די רעגירונגס שולען. דאס רוב אידישע קינדער אין די פון אידן באַזעצטע לענדער אבער, רוסלאנד, פוילן, גאליציע, לערנען נאך אין „חדרים“ און די צאלן פון רוסלאנד (אין 1910) באווייזן עס, א האלב מיליאן אידישע קינדער האבן געלערנט אין די שולן, פון זיי 43,000 אין חדרים און נאר 7 טויזענט אין די אלגעמיינע שולן, (פאלקס־שולן און גימנאזיעס) דאס הייסט אז 86% פון אי־

אידישע וויסענשאפט-36 a 27/09/1927 הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 1 מתוך 5

דישע קינדער האבן באקומען (אין א גרויסע אדער קליינע מאס) א טראדיציא־נעלע ערציהונג, די אנשטאלטען פון אלטען חנוך זיינען: דער חדר, די תלמוד־תורה, די ישיבה, דער בית־המדרש א. א. וו.

א) דער „חדר".

דער חדר איז א פריוואט אנשטאלט וועמענס בעל־הבית עס איז דער מלמד וועלכער באקומט בא די עלטערן פון די קינדער פאר זיין ארבעט „שכר למוד" אין דער לעצטער צייט האט דער חדר באקומען פיל אויסבעסערונגען אין זיין אויסענוועניגסטען אויסזעהען, און אין דער איבערגעבונגס שפראך (חדר מתוקן: למוד הלשון, עברית בעברית) אבער אין פיל ערטער איז ער נאך געבליבן ווי פריר.

דער „חדר" איז נישט נאר א לערן צימער, דארט געפונט מען אויך די משפחה פונם רבי, אנשטאט שול־בענק געפונט מען דארט טישען. א טייל כתות לערנען אין איין צייט, און די וואס „חזר'ן" באמיהען דעם רבי מיט זייערע פראגן, די פריוואונג איז איין מאל אין דער וואך (דאנערשטאג אין חדר און שבת אין דער היים, מ'לערנט פון אין דער [illegible] נאכט און וועגן אביסל רוהע און צייטפארטרייבונג דערציילט דער רבי פאר די תלמידים מעשיות פון ספר הישר און אנדערע ספרים, די פרייע טעג, זיינען אום תשרי און ניסן, פאראן א „בעלפער" וועלכער העלפט צו צום לערנען און באדינט אויך די תלמידים, קערפערליכע בע־שטראפונג געהט אן אין אלע חדרים.

פאראן פארשידענע מלמדים, א דרדקי מלמד, א חומש מלמד, א פסוק מלמד און א גמרא מלמד, נישט פאראן א באזונדערער עקזאמען פאר דעם וואס וויל ווערן א מלמד, ווער עס וויל ווערט בא אידן א מלמד, און די זאך האט אזוי דערגרייכט אז יעדער „לא יצלח" איז געווארן א מלמד, נאר אין דער לעצטער צייט איז געגרינדעט געווארן סעמינאריאומס וועגן לערערס. (דער קורס אין הור־ראדנא, די אינסטיטוטן וועגן צונרעטן לערער אין ווארשוי, ווילנא, קלוי־זענבורג א. ג.) א בעזונדערער טיפ איז דער דארפס־מלמד.

אין חדר געפונט מען נישט א בעשטימטען פראגראם וועגן לערנען, א חוין תנ״ך און גמרא לערנט מען אויך דארט אביסל „חשבון" און שרייבן אידיש, די תלמידים פארלאזן דעם חדר איינער נאכ'ן אנדערן, אלעס נאכ'ן ווילן פון די עלטערן, און עס פארשטייט זיך אליין אז עס עקזיסטירט נישט דארט קיין דיפלא־מען, דער תכלות לערנען פון די „תינוקות של בית רבן" איז רעליגיעז אהן א שום מאטעריעלן ציל און יאנעניש נאך פערדינסטען. 1)

---

1) אין אנהויב פון דער השכלה עפאכע האט אויך דער חדר באקומען פיל געגנער, אום צו פארניכטן דעם אלטן חדר האט מען אויפגעשטעלט שולן און אנ־שטאט מלמדים האט מען געבראכט „לערערס" אין גאליציען איז יוסף פערל גע־ווען דער ערשטער וואס האט געגרינדעט א „שולע" און פיל האבן אים נאכגעטון, די פרומע האבן אבער מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג זיך באמיהט צו שיצן דעם חדר און אין גאליציען און אין רוסיש־פוילן עקזיסטירן נאך עד היום אין פיל מקומות חדרים, פיל משכילים איבערהויפט פרי'ן סמאלענסקין אין זיין „התועה

אידישע וויסענשאפט-36 a 27/09/1927 הודפס מתוך הארכיון היהודי

ב) די „תלמוד־תורה״.

דאגעגן איז שוין די תלמוד־תורה א קהל׳ישער אינסטיטוט וועלכער שטייט אונטערן רשות פון דער קהלה אדער א חברה תלמוד־תורה וועלכע האלט אויס דיזן אינסטיטוט אין וועלכן עס לערנען ארעמע קינדער, נעמט אויף מלמדים און שיקט אירע גבאים זאלן אכטונג געבן אויף די למודים, אין נארד אמעריקא איז די „תלמוד תורה״ א אידיש קהלישע שולע וואו עס לערנען קינדער אהן אונטערשיד פון ארעם און רייך.

ג) די ישיבה 2).

דיזע אינסטיטוציע וועלכע צעהלט טויזענטער יארן פון איר עקסיסטענץ, איז

---

בדרכי החיים״, האבן אויסגעזאגט זייער גרעסטן צארן אויפן אלטן חדר, סמאלענסקען מאלט אפ דאס חדר* מיט די שווארצעסטע פארבען און דעם מלמד פאר א ווילדן אגוויסינן מענשן אין וועמענס הענט מען האט איבערגעגעבן די יונגע שעפעליך זיי אויפצוציהען, אבער נישט נאר די פרומע האבן פארטעטינט דעם חדר מיט זייער גאנצער ענערגי, נאר צווישן די משכילים אליין האבן זיך אויך געפונען נוטע מליצים פארן חדר, אינטערעסאנט איז צו לעזן די רייד פון עפשטיין אין כנסת ישראל (ח״א 638) ווי ער פארטעדיגט דעם חדר אינ׳ם מלמד און זאגט: „פון אונטערן אויסערליכן אויסזעהען פונם מלמד, קוקט ארויס א האר׳ץ פון א מענש פול מיט ווארמקייט און ליבע, דער ארעמער מלמד מיט זיין פארזויערט פנים, וויפיל ליבע און ווארעם פליסט ער אריין אין די ווייכע הערצעלעך פון זיינע קליינע תלמידים, ער לערנט תורה אין ארימקייט, ער פארגעסט זיין הונגער און דעם הונגער פון זיין פאמיליע, און פרייט זיך צו זעהען אז זיינע תלמידים מאכן פראגרעס אין זייער לערנען״, עפשטיין רימט דעם חדר אויף וועלכן די משכילים זאגן אז ער איז א פראדוקט פונם מיטעלאלטער און זאגט אז דער חדר דערוועקט אין אים ווארעמע געפילן, נאר דער חדר האט איינגעפלאנצט אין זיין הארצן ליבע צום פאלק און צו זיין תורה....

2) דער נאמען ישיבה פאר אן ארט וואו מען לערנט תורה, איז זעהר אלט מיר געפונען שוין אז אברהם אבינו היה זקן ויושב בישיבה אזוי יצחק און יעקב (יומא כ״ח) אין די צייטן פון די חכמי התלמוד זיינען געווען גרויסע ישיבות אין ציפורי, טבריא, קיסרי אין ארץ ישראל, מתא מחסיא אין סוריא און נציבי נהרדעא און פומבדותא אין בבל, דורך די רדיפות פון די פערסער זיינען בטל געווארן די ישיבות אין ארץ ישראל און שפעטער זיינען בטל געווארן די ישיבות אין בבל. דער רייזענדער רבי בנימין האט אין 12־טן יארהונדערט געפונען 10 ישיבות אין באגדאד, רבי פתחיה פון רעגענשבורג שרייבט אין זיינע רייזע בעשרייבונגען אז אין דער ישיבה פון באגדאד וואו רבי שמואל הלוי בר עלי איז געווען ראש ישיבה האבן געלערנט 2000 תלמידים, פון זיי זיינען געווען מערערי פון 500 בערימטע קענער. אין א באזונדער ארטיקל וועלן מיר שרייבן איבער די ישיבות אין פוילן און אין ארץ ישראל, איבער די ישיבה אין וואלאזין און איבער א טייל באוואוסטע ישיבות אין רוסלאנד און אין אונגארן.

ש. ש.

אידישע וויסענשאפט-36 a 27/09/1927 הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 3 מתוך 5

אויך א ן אונזערע צייטן שטארק פארשפרייט אין אלע גלות־לענדער, מיר נעפונען אין רוסלאנד באוואוסטע ישיבות אין וואלאזין, מיר, סלובודקא (די מוסערניקעס אויפ׳ן נאמען פון רבי ישראל סלאנטער) אין ווילנא (רבי מיילעס׳ ישיבה, „פער־צינלעך" ד. ה. 40 בחורים) אין טעלז אין ראדין, סלאנים, איישישיק, אין אונ־גארן איז פאראן 30 ישיבות, די באוואוסטע פון אלע איז אין פרעסבורג, אין ירושלים זיינען באוואוסט די ישיבות „עץ חיים׳ „מאה שערים׳ „אהל משה" „תורת חיים" „תפארת ירושלים׳ (א ספרד׳ישע) אין ניו־יארק די ישיבה „עץ חיים" רבי יעקב יוסף׳ס ישיבה, רבי יצחק אלחנן׳ס ישיבה (אין אלע אן ערך פון 600 תלמידים) מיר האבן נישט קיין גענויע ידיעות וועגן די צאל תלמידים אין די ישיבות פון אייראפא און ארץ ישראל.

הארכיון היהודי

אויך אין די ישיבות איז נישט פאראן קיין פראגראם פון למודים, אין פאנד זיינען די ישיבות נישט קיין אינסטיטוציעס וועגן פארברעטן רבנים, נאר מקומות פון „תורה לשמה", נישט יעדער בחור פארלאזט די ישיבה נאך דעם וואס ער האט זיך שוין גוט אנגעלערנט מיט ש״ס און פוסקים, נאר א קליינער צאל איז זוכה צו „סמיכות" און ווער עס וויל זי באקומען מוז זיך ווענדען צו רבנים זיי זאלן אים מסמיך זיין.

ארכיון תמונות

אין אנטעראייל פון הונדערטער יארן איז נישט פארענדערט געווארן דער פראגראם פון לערנען, אין די ישיבות אין לידא (דורך רבי יצחק יעקב ריינעס) און אין אדעס (דורך רבי חיים טשערנאוויץ—רב צעיר) איז געמאכט געווארן איינינע פארזוכונגען צו גריגדען מאדערנע ישיבות וואס א חוץ די אלטע למודים האט מען אויך נעלערנט העברעאיש, דקדוק און ליטעראטור די לאנדעס שפראכע און אנדערע חכמות, דורך פארשידענע סבות האבן די דאזינע ישיבות נישט געקאנט עקסיסטירן, אין פוילן זיינען פון דיזן מין בעקאנט די ישיבות מיטן נאמען „תחכמוני".

די ישיבות ווערן אויסגעהאלטן פונם פאלק וואס גיט נדבות דורך די „משולחים" באקאנטע ישיבות האבן באקומען עשירים אין רוסלאנד און דייטש־לאנד פון וועמען זיי זיינען געשטיצט געווארן, שכר למוד צאלן נישט די תלמידים, אם מיינסטען עסן די תלמידים „טעג" ביי בעלי־בתים, אין די לעצטע צייטן האבן אבער אנגעהויבן די ישיבות אליין צו שפייזן זייערע תלמידים.

די ווערט פון די ישיבות אין דער היסטאריע פון ערציהונג און לערנען איז בא אונז זעהר גרויס, זיי האבן עס מגדל געווען די גרעסטע אידישע „תלמידי חכמים" און זיי האבן עס אינדירעקט אונז געליפערט כמעט די גרעסטע פון דער השכלה און נאציאנאלע עפאכע.

ד) דער בית המדרש.

די דאזינע אינסטיטוציע מיט די שאפעס ספרים וואס איז אפען פאר יעדן וואס וויל אין זיי לערנען, דינט בא אונז אלס א לערן אנשטאלט פאר דער מאסע, דא האבן זיך געבילדעט די פארשידענע חברות וועלכע האבן צוזאמענגענומען די רעליגיעזע שטרעבונג מיט דער השכלה׳שע, די מעהרסטע חברות זיינען: „חברה

ש״ס׳ (ע״פי רוב זיינען אלע פראמענענטע בעלי־בתים אירע מיטגלידער) .חברה משניות״ .חברת עין יעקב״ (פארן המון עם וואס פארשטעהן נאר אגדה) „חברה שלחן ערוך׳ „חיי אדם״ א. ז. וו. אם מייסטען פון די חברות לערנען צווישן מנחה און מעריב און א טייל נאך מעריב, דער „רבי״ פארברייננט זיין צייט מיט׳ן לערנען אהן נעצאלטס. דער איינינקייט פון די צוהערערס איז זעהר שטארק, און די „יומים׳ פארבינדט זיי נאך מעהר. די דרשות פונם רב און פון די מגידים זיינען אויך געווען א גרויסער פאקטאר צו אונזער פאלקס־בילדונג.

שמואל שוועמער

# דער ראל פון דער חידה בא אידן.

אין נומער 115 פון די „אידישע וויסנשאפט״ האב איך אפגעדרוקט א חידה וועלכע האט ארויסגערופן פיל אינטערעס בא אונזערע לעזער ווי דער מנהג איז האבן פיל געטראפן דעם פתרון פון דער חידה און אנדערע האבן נישט געטראפן די אמת׳ע אויפלעזונג, צווישן די אלע בריף וואס איך האב באקומען אין דיזער אנגעלעגענהייט זיינען אבער מעהרער אינטערעסאנט צוויי כאראקטעריסטישע בריף, איינעם פון מר יעקב גלאזענבערג דעש, וועלכער בעט צו געבן א גענוי אויפקלערונג איבער דער ראללע פון דער חידה בא אידן, און א צווייטען בריף פון מר יאנאש (יונה ווארשיינליך) עלבערג פון סאטמאר, אין וועלכן ער איז שטארק ברוגז אויף די וואס געבן זיך אב נאך היינט—אין אזא קלוגער צייט — מיט אזעלכע שטותים ווי חידות. מר. עלבערג, א איד וועלכער איז פארליבט אין דער אונגארישער שפראכע* און גלויבט אז אלע שפראכן אפילו אידיש און העברעאיש זיינען א אונטערשלאג צו דער שעהנער און פיינער מאגיארישער שפראכע, וויל נישט לײדען מען זאל גאר בכלל רעדן און שרייבן אידיש אדער העברעאיש און איז נאך מעהר ברוגז וואס מען גיט זיך נאך אפ מיט אזא „פוסטע נארישקייט״ ווי חידות. לעזענדיג דיזע צוויי בריף האב איך אנגעשריבן דיזן ארטיקל וועלכער זאל דינען א ענפער פאר ביידען און צוגלייך זאלן טאקע אונזערע לעזער באקומען א בעגריף איבער דער חידה וועלכע האט פארנומען א וויכטיגן פלאץ אין דער אידישער ליטעראטור פון די גאנץ אלטע צייטן ביז גאר אין דער נייער צייט.

בא וועמען פון אונז עס זיינען טייער און הייליג די כתבי הקודש, מוז געשעצט זיין אלעס וואס אין תנ״ך געפונט זיך און אין תנ״ך האט שוין די חידה פארנומען א חשוב׳ען פלאץ, צוזאמען מיט „דברי חכמים״ ווערט

אידישע וויסענשאפט-36 a 27/09/1927 הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 5 מתוך 5